307.
Goldene Keit (Tel Aviv).
no. 135.
1993.

# די גאָלדענע קייט

PERIODICALS ROOM
307 Butler Library
Columbia University
New York, N. Y. 10027
JUN 30 1993

צײַטשריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

# 135

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישׂראל
תּל־אָבֿיבֿ
1993

# מײַן חבֿר סרול־יצחק

## (קורצע שטריכן צום ברוך דײַן אמת)

ערבֿ יום־כּיפּור תשנ״ג, מישנדיק על־רגל־אחת די בלעטער פֿון אַלגימיינער זשורנאַל, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען פֿון ניו־יאָרק, פֿאַלט פּלוצלינג מײַן בליק אויף די גרויסע אותיות: „טוויזנטער בײַ דער לוויה פֿון הגאון ר׳ ישׂראל־יצחק פּיעקאַרסקי״.

סרול־יצחק?! מײַן חבֿר סרול־יצחק האָט געלעבט אין ניו־יאָרק און איך האָב נישט געוווּסט?! סרול־יצחק האָט זיך גערעטעוועט?! איך שלינג ווײַטער די שורות: „סאָסנאָוויצע...״

*

דאָס איז געווען אין די טעג פֿון חול־המועד־פּסח. סרול־יצחק איז געקומען אַהיים פֿון וואַרשע לכּבֿוד פּסח און באַלד מיך אויפֿגעזוכט. איך האָב קוים באַוויזן אַרויסצושרײַען מײַן פֿריילעכן שלום־עליכם, און סרול־יצחק, מיט זײַן פֿלינקן קול, האָט קודם־כּל געפּסקנט:

— דו פֿאָרסט מיט מיר קיין וואַרשע!

מערקווערדיק: ביז הײַנט ווייס איך נישט ווי אַלט איז סרול־יצחק דעמאָלט געווען. איך ווייס בלויז, אַז איך בין דעמאָלט געווען פֿאַר בר־מיצווה, און סרול־יצחק האָט שוין געקאָנט אין יענע יאָרן, כאָטש אָן אַ סימן פֿון אַ חתימת־זקן, אָנגיין ווי אַ חתן־בחור. איך בין געווען דער ינוקא בײַם שיעור פֿון קאָזשיגליווער רבֿ און סרול־יצחק האָט שוין דעמאָלט בײַ זיך באַשטימט צו זײַן מײַן אַפּוטרופּס.

*

מיר זענען געזעסן אין אויפֿנעם־צימער פֿון הרבֿ פֿויגלמאַן אין קאַטאָוויץ. זײַן שוואָגער, הרבֿ לאַו, וואָס איז נאָר וואָס געקריינט געוואָרן ווי אַ רבֿ אין שאָץ (סוטשעאַווע), אַ שטאָט אין דער בוקאָווינע, איז געקומען קיין פּוילן, כּדי צו געפֿינען עטלעכע אויסדערוויילטע בחורים פֿאַר אַ ישיבֿה פֿון לומדים, וואָס ער וויל שאַפֿן בײַ זיך אין שאָץ. אַגבֿ, הרבֿ לאַו איז דער פֿאָטער פֿון איצטיקן רבֿ ישׂראל לאַו, רבֿ ראָשי פֿון תּל־אבֿיבֿ — יפֿו; בײַ מײַן ערשטער באַגעגעניש מיט אים אין תּל־אבֿיבֿ, האָב איך זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן אים צו זאָגן:

— דו, כּבֿוד הרבֿ, ביסט מפֿורסם ווי אַ זייער שיינער הדרת־פּנימדיקער מאַן, אָבער איך זאָג דיר, אַז דו דערגרייכסט נישט צו די שיינקייטן פֿון דײַן פֿאָטער, ווי איך

געדענק אים. הרבֿ פֿויגלמאַן האָט געוווּסט וועגן מיר, דעריבער האָט ער מיך פֿאַרבעטן אויף אַ באַגעגעניש מיט הרבֿ לאַו, אין זײַן הויז.

ווען דער שאָצער רבֿ האָט דעמאָלט, אין קאַטאָוויץ, פֿאַרענדיקט זײַן רעדע, האָט ער אויסגעשטרעקט צו מיר זײַנע הענט, מיט די ווערטער:

— איך זאָג דיר צו, און איך פֿאַרזיכער דיך, אַז בײַ מיר וועט דיר נישט פֿעלן פֿון שענסטן און בעסטן!

און סרול־יצחק, וואָס האָט מיך באַגלייט צו דער באַגעגעניש, האָט אַ זאָג געטאָן קורץ און שאַרף:

— איך בין אַ תּלמיד פֿון ר׳ אבֿרהמל ווײַנבערג אין וואַרשע, און ער — האָט ער מיט אַ פֿינגער אָנגעוויזן אויף מיר — ער פֿאָרט, בלי־נדר, מיט מיר קיין וואַרשע.

*

די יאָרן מיט סרול־יצחק אין וואַרשע, ווי תּלמידים בײַ די שיעורים פֿון גאָון ר׳ אַבֿרהמל ווײַנבערג, זענען פֿאַרבליבן די שענסטע יאָרן אין מײַן לעבן. אויף די אַפּעלן צו דער קרעמאַטאָריע אין אוישוויץ זענען זיי געווען ווי פֿאַנצערס אויף מײַן מוזלמאַנישן הויט־און־ביין. צוויי יאָר אויף די הוילע ברעטער אין די אוישוויצער בלאָקן, ווען דער דינער פֿאָדעם וואָס פֿאַרבינדט נאָך דײַן נשמה, די שוועבנדיקע אין דרויסן, האָט געהאַלטן בײַם איבעררײַסן זיך אַנטקעגן דײַנע אָפֿענע אויגן, דעמאָלט, טײַערער סרול־יצחק, האָסטו געזונגען אין מײַנע אויערן אַ נײַעם כאַפּ פֿון חידושי הריטב״א, אַ פּסק־הלכה פֿון רדב״ז, ווי דו פֿלעגסט דאָס טאָן בשעת די שיעורים, און דער פּסק־הלכה האָט זיך אויסגעגלײַכט אַ דאַנק דיר מיט די בעלי־התּוספֿות, און דער פֿאָדעם פֿון מײַן לעבן האָט זיך נישט איבערגעריסן אין אוישוויץ אַ דאַנק דיר, טײַערער חבֿר מײַנער סרול־יצחק.

איך האָב סרול־יצחקן גערופֿן „ווילדער קאָפּ“, ווײַל ער איז נישט געגאַנגען, נאָר תּמיד געווען אין אײַלעניש, תּמיד געלאָפֿן. איך בין נישט קיין נידעריק־געוווּקסיקער, נאָר איך געדענק אַז ער איז געווען אַ סך העכער פֿון מיר, אפֿשר צוליב דעם אונטערשייד אין יאָרן, אפֿשר צוליב זײַן גײַסטיקער הויכקייט אין מײַנע אויגן. איך זע אים איצט פֿאַר מײַנע אויגן, ווי מיר זענען געגאַנגען אויף די וואַרשעווער גאַסן, זײַן קאָפּ און אַקסלען ווי תּמיד אַ ביסל געבויגן צו דער ערד, און ער לויפֿט, שטענדיק לויפֿט ער און שטענדיק דאַרף ער זיך אומדרייען, די האַנט אויסגעשטרעקט צו מיר ווי צו אַ קליין קינד, וואָס בלײַבט הינטערשטעליק, און דאָס אַלץ אין מיטן פֿון אונדזער שמועס, אין מיטן לייענען אַ בריור פֿון דער היים, אין מיטן אַ חידוש־אײַנפֿאַל צום הײַנטיקן שיעור אין מסכת־נדרים. און אַזוי ווי זײַן פֿלינקייט אין גיין — אַזוי אויך די פֿלינקייט אין רעדן, ועל־אַחת־כּמה־וכּמה אין מוח, אין געדאַנקען־גאַנג. אַלץ גיך, גיך.

איך האָב אים גערופֿן „ווילדער“ און ער האָט מיך גערופֿן „סטאַטעטשנע“, פֿון פּויליש, וואָס קאָן הייסן: אַ געלאַסענער, ס׳קאָן אויך הייסן אַ פּירקאַנטיקער. און דאָ טאַקע קומט דאָס גרויסע רעטעניש: אָט דער ווילדער קאָפּ, סרול־יצחק פּיעקאַרסקי,

אָט דער פֿײַערדיקער, גאונישער מוח, אָט דער פֿלינקער, שטורמישער גײַדאַנק, איז געווען ווי אַן אַסקופּה־נדרסת, ווי אַן אויסגעטראָטענע שוועל, צום דרך־הלימוד פֿון ר׳ אַבֿרהמל ווײַנבערג, וואָס זײַן שיטה איז געווען דורכויס פּשט, תּמצית, אַבסאָלוטע לאָגיק, בשעת איך, דער „סטאַטעטשנע", בין געווען און פֿאַרבליבן פֿאַרכאַפּט בלבֿ־ונפֿש פֿונעם גאון ר׳ מנחם זעמבאַ, דער עוקר־הרים, דער ווילדער אָסטראָווצער פּלי, דער דרך פֿון בליציקן כאַפּ.

לגבי־סרול־יצחק האָט דאָס געשמעקט מיט „בגידה" פֿון מײַן זײַט. פֿון דעסטוועגן איז ער אָן אויפֿער ווײַטער געווען צו מיר ווי אַ געטרײַער עלטערער ברודער. נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו דערציילן וועגן סרול־יצחקס זאָרגעוודיקייט צו אַלע מײַנע באַדערפֿענישן. די משפּחה פּיעקאַרסקי אין סאָסנאָווצע האָט געוווּסט, אַז איך לעב אין וואַרשע אויף איר חשבון. „זאָרג נישט — פֿלעגט סרול־יצחק מיר זאָגן — דער טאַטע וועט פֿאַרקריגן נאָך אַ פּאָר זעק". ביז הײַנט פֿאַרשטיי איך נישט וואָס פֿאַר אַ מיסחר פּיעקאַרסקי דער פֿאָטער האָט געפֿירט, איך ווייס בלויז אַז ער האָט געהאַנדלט מיט ליידיקע זעק, עפּעס אַ מאָדנע פּרנסה.

*

ערבֿ יום־כּיפּור תשנ״ג, מײַנע אויגן אויף דער פֿאָטאָ פֿון סרול־יצחק אין דער צײַטונג, און איך זע דאָס פּנים פֿון זײַן פֿאָטער. אַקוראַט אַזוי האָט פּיעקאַרסקי דער פֿאָטער אויסגעזען. איך קוק אויף דער פֿאָטאָ און איך זע די משפּחה פּיעקאַרסקי אין סאָסנאָווצע. אויף דער שולגאַס האָבן זיי געוווינט, אין אַ הויז וואָס האָט געגרענעצט מיט דעם שול און בית־מדרש. ווו איז געווען די משפּחה פּיעקאַרסקי דעמאָלט, אין 1939, ווען די עסעס־אײַנזאַצגרופּן האָבן פֿאַרוואַנדלט די שול אין פֿלאַמען און די שכנותדיקע ייִדישע הײַזער האָבן געברענט? איך זע דאָס איידעלע, בלאָנדע, שיינע פּנים פֿון דער מוטער, דאָס שטילע גוטמוטיקע פּנים פֿונעם פֿאָטער.

אַן איינציקע טאָכטער איז געווען בײַ זיי, סרול־יצחקס איינציקע שוועסטער. אויב סרול־יצחק איז געווען אַ יפֿה־תּואר און אַ ווילדער, איז זײַן ייִנגערע שוועסטער געווען גאָר אַן אויסערגעוויינטלעכע יפֿת־תּואר, און ווילד ווי אַ פּאַנטערע. שטענדיק האָבן זיך די צוויי געיאָגט איבער אַלע צימערן, אַרום די טישן, אַרום די שטולן. אין מײַנע אויערן קלינגט נאָך זייער יונגע פֿרייד, זייער געטרײַשאַפֿט, זייער איבערגעגעבנקייט. ווי אַלט איז דעמאָלט די שוועסטער געווען? בערך אין מײַן עלטער. אַ שוידער לויפֿט איצט איבער מײַן הויט: ווען אין געטאָ איז געווען אַן „אַקציע" אויף ייִדישע מיידלעך — ווו איז סרול־יצחקס שיינע שוועסטער געווען דעמאָלט? וואָס וואָלט איך איצט נישט אַוועקגעגעבן, ווען עמעצער זאָל מיר קומען זאָגן, אַז אויך סרול־יצחקס שוועסטער האָט זיך געראַטעוועט!

*

אויב דעם שאָצער רבֿ איז נישט געראָטן אין קאַטאָוויץ מיך אָפּצושיידן פֿון סרול־יצחקן, איז דאָס אָבער יאָ געראָטן אַ צווייטן מיטגליד פֿון דער זעלביקער משפּחה לאַו.

הרבֿ מאיר שפּיראָ, דער מייסד פֿון ישיבֿת־חכמי־לובלין, האָט געזוכט איבער דער וועלט נבֿחרים פֿאַר זײַן ישיבֿה. בשעת ער איז געווען אין וואַרשע, האָט ער בײַגעוווינט אַ שיעור פֿון ר׳ מנחם זעמבאַ און היות סרול־יצחק איז נישט געווען אין פּראַגע בײַ ר׳ מנחם, נאָר אויף קרוטשע בײַ ר׳ אַבֿרהמל ווײַנבערג, איז נישט געווען ווער עס זאָל זאָגן ניין, בשעת הרבֿ מאיר שפּיראָ האָט, נאָכן שיעור, אין בײַזײַן פֿון ר׳ מנחם זעמבאַ צו מיר געזאָגט:

— בחורל, איך וויל דיך האָבן אין לובלין! איך הער, אַז דו ביסט געווען אַ תּלמיד פֿון קאָזשיגליווער רבֿ. התּורה חוזרת לאכסניא שלה, אויב אַזוי, זאָג אָמן, אַז הרבֿ זעמבאַ זאָל הערן.

איך האָב געזאָגט אָמן!

*

יאָרן זענען פֿאַרבײַ. אין מײַן האַרץ האָט שטענדיק געגאָגט אַ בענקשאַפֿט צו מײַן יוגנט־חבֿר סרול־יצחק, צו אונדזערע שמועסן, אונדזערע וויכּוחים אין די לאַנגע נעכט, אַפֿילו צו זײַן מאַכן עפֿר־ואפֿר פֿון מײַנע געדאַנקען, און איינצײַטיק, מיך באַפֿרוכפּערן מיט די זעלבע געדאַנקען.

איך שרײַב די שורות ערבֿ יום־כּיפּור תשנ״ג. פֿאַראַן אַ פֿאַרבאָרגענער ווינקל אין אַ מענטשלעך האַרץ, אַ פֿאַרבאָרגן חדרל, אַ בפֿני־בפֿנים, אַ קודש־קודשים. זעלטן גייט דער מענטש דאָרטן אַרײַן, אפֿשר איין־און־איינציק מאָל אין אַ יאָר גייט ער אַרײַן דאָרטן, כּדי זיך מתיחד צו זײַן, אפֿשר מיט דעם הייליקסטן, אפֿשר מיט זיך גופֿא. דאָרטן, אין מײַן בפֿני־בפֿנים זיצט ווי צווישן כּרובֿים מײַן נאָגנדיקע בענקשאַפֿט צו די שיעורים־יאָרן בײַ ר׳ אַבֿרהמל ווײַנבערג, זײַט בײַ זײַט מיט מײַן חבֿר סרול־יצחק פּיעקאַרסקי.

*

און יאָרן זענען פֿאַרלאָפֿן. איך בין שוין נאָך ישיבֿת־חכמי־לובלין. אוניווערסיטעט, קאָנסערוואַטאָריום. פּלוצלינג אַ בריוו פֿון סרול־יצחק, אַ לעצטער בריוו, אַ ווייטיקלעכער בריוו, כּמעט אַ קריעה־רײַסנדיקער בריוו.

סרול־יצחק האָט געחלומט מיך צו האָבן אין זײַן משפּחה.

סרול־יצחק איז תּמיד געווען אַ מדקדק־במיצוות, בקלה כבחמורה. אין די יאָרן פֿון אונדזער צוזאַמענזײַן האָט ער ממש געליטן צו זען, אַז איך קאָן מיך נישט אײַנהאַלטן, נישט צו לייענען, אַפֿילו בגנבֿה, דעם יוד, טאָגבלאַט — סך־הכּל אַגודה־צײַטונגען, סך־הכּל פֿילאָסאָפֿישע מאמרים פֿון יהודה־לייב אָרליאַן, בן־ציון פֿעסלער, ד״ר בירנבוים. אָבער געוואַלד, ביטול־זמן! עס האָט אים ממש וויי געטאָן. פּלוצלינג האָט ער זיך דערוווּסט, איך ווייס נישט ווי אַזוי, אַז מײַנס אַ בוך לידער איז דערשינען, און ווו? בײַ וועמען? אין ״קולטור־ליגע״ אין וואַרשע! און איך מוז זיך מודה זײַן, אַז דאָס איז באמת געווען חילול־השם, ווײַל די ״קולטור־ליגע״ האָט באַקעמפֿט יעדן פֿונק פֿון ייִדישקייט און פֿרומקייט.

איך האָב זיך אַ לענגערע צײַט געקליבן צו ענטפֿערן אין אַן אויספֿירלעכן בריוו, אַז דאָס איז נישט מײַן שולד. מעשׂה שהיה, כּך היה: דער דיכטער שמואל נאַדלער, מײַן חבֿר פֿון ישיבֿת־חכמי־לובלין, האָט געוווּסט, אַז איך וויל נישט זען אָט די לידער, ווי מײַן ערשטלינג, אין אַ בוכפֿאָרעם. האָט ער מיט אַן עָרמה געבעטן בײַ מיר די געשריבענע לידער־העפֿטן צום לייענען, און אָן מײַן וויסן זיי געגעבן דעם דיכטער ישׂראל שטערן, ער זאָל זיי איבערגעבן צו יאַנקל פֿאַט, דער רעדאַקטאָר פֿון "קולטור־ליגע". אַגבֿ, שמואל נאַדלער, דאָס שײַנדל און צירונג פֿון אַגודת־ישׂראל און בן־יקיר בײַ הרבֿ מאיר שפּיראָ, איז פּלוצלינג, אין אַ שיינעם טאָג, אַרויסגעטראָטן אין באַקאַנטן, פֿרײַען ייִדישן ליטעראַטן־פֿאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, מיט אַ סענסאַציאָנעלער דערקלערונג, אַז ער גיט אַ כּתבֿ־פּריתות צו זײַן נעכטיקער וועלט און גייט אַריבער צו דער מאָרגנדיקער וועלט פֿון קאָמוניזם...

מײַן בריוו איז צוריקגעקומען. דער אַדרעסאַנט נישט באַקאַנט.

*

דער גורל האָט מיך פֿאַרוואָרפֿן אין איינעם פֿון די געטאָס לעבן סאָסנאָווצע. צווישן אַ מאַסע געטריבענע ייִדן צו איינעם פֿון די זאַמלפּלעצער, האָב איך פּלוצלינג דערזען פּיעקאַרסקין דעם פֿאָטער, ווי ער קלאַמערט אײַן דעם אָרעם פֿון זײַן איידל־סובטעלער פֿרוי, זי זאָל אים נישט פֿאַרלירן גיין אין דעם געדראַנג. מיט אַלע כּוחות האָב איך צו זיי געשריגן פֿון דער ווײַטנס:

— סרול־יצחק! סרול־יצחק! סרול־יצחק!!!

ס׳הייסט: וווּ איז סרול־יצחק? די מוטער האָט נאָך באַוויזן אויסצושטרעקן צו מיר די הענט. צוויי ליידיקע הענט, און איך, געטריבן אויף מײַן זײַט צווישן די מאַסן, בין אַוועק צו אַ באַזונדערן זאַמלפּונקט.

ביז הײַנט ווייס איך נישט דעם באַטײַט פֿון די צוויי ליידיקע הענט, ווי אַן ענטפֿער אויף מײַן געשריי: וווּ איז סרול־יצחק?!

הײַנט, ערבֿ יום־כּיפּור תשנ״ג, שרײַב איך דיר, טײַערער סרול־יצחק, מײַן ענטפֿער במקום דעם בריוו וואָס איז צוריקגעקומען: אַדרעסאַנט נישט באַקאַנט.

הײַנט, ערבֿ יום־כּיפּור תשנ״ג, שטיי איך, מײַן קאָפּ טיף געבויגן, רײַס קריעה אין מײַן ווײַס העמד אויף דעם שענסטן, טײַערסטן און ליבסטן חבֿר סרול־יצחק פּיעקאַרסקי.

ברוך דיין אמת!